**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול באנייט רוף צו פעדעראלע רעגירונג און פראכט באן אינדוסטריע צו אונטערנעמען שריט צו פארשטערקערן באן זיכערהייט

***שריט וועלן אונטעריאגן איינפירונג פון עקזיסטירנדע רעגולאציעס און פארמערן אפנקייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פארגעזעצט צו רופן אויף קאנגרעס, פעדעראלע געזעצגעבער און אויף די פראכט באן אינדוסטריע צו אונטערנעמען נאך פאראויסיגע שריט צו פארמיידן פראכט באן קאטאסטראפעס נאכפאלגנדיג לעצטע וואך'ס עקסידענט אין מאַנטגאָמרי קאונטי. די מאסנאמען, וועלכע זענען צום ערשט פארגעשטעלט געווארן דורך די [גאווערנער אין פעברואר](), וועלן העלפן שאפן א זיכערערע פראכט באן טראנספארטאציע אינדוסטריע בשעת'ן פארמערן סטעיט עמערדזשענסי אפרופונג מעגליכקייטן דורך פארמערטע פעדעראלע אויפזיכט.

"האלטן ניו יארקער זיכער איז מיין הויפט פריאריטעט, און דערפאר קענען מיר נישט ווארטן פאר נאך א קאטאסטראפע צו געשעהן בעפאר מיר נעמען אונטער שריט צו פארשטערקערן באן זיכערהייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די באן עקסידענט לעצטע וואך אין מאַנטגאָמרי קאונטי האט צום מזל נישט געפירט צו פארוואונדעטע אדער אויסגעגאסענע מאטעריאלן, אבער עס ווייזט ארויס די גרויסע נויט פאר די פעדעראלע רעגירונג און די פראכט באן אינדוסטריע צו אונטערנעמען שריט און באשיצן סיי איינוואוינער און סיי די ענווייראמענט."

נעמליך רופט גאווערנער האקול אויף קאנגרעס, די פראכט באן אינדוסטריע און פעדעראלע געזעצגעבער צו אונטערנעמען די פאלגנדע שריט:

- פארשנעלערן דאס אריינברענגען פון זיכערערע טאנק וואגאנען (DOT 117's) פאר סכנות'דיגע מאטעריאלן נאך פאר די טערמין אין 2029 וואס איז פארלאנגט געווארן דורך קאנגרעס.
- מאדערניזירן ברעיקינג רעגולאציעס און פארמערן די באנוץ מיט עלעקטראניש-קאנטראלירטע 'ניומעטיק' (electronically controlled pneumatic, ECP) ברעיקס צו פארמיידן פאטענציאלע באן עקסידענטן.
- פארלאנגען פון רעלסן קערפערשאפטן צו איינמעלדן פון פאראויס פאר סטעיט עמערדזשענסי אפרופונג מאנשאפן איבער וואגאנען מיט סכנות'דיגע מאטעריאלן וועלכע פארן אריבער זייער סטעיט.
- פארברייטערן סטעיט און לאקאלע גרענטס ספעציפיש פאר סכנות'דיגע מאטעריאלן גרייטקייט און אפרופונג פלאנירונג.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די גאווערנער'ס אנגייענדע רוף פאר א פילפאכיגע רייע שריט אויף די וויכטיגע זיכערהייט אנגעלעגנהייט. מיר אנערקענען אלע אז פארשטערקערן באן זיכערהייט איז נישט עפעס וואס

ניו יארק סטעיט קען אדרעסירן אליין — עס פארלאנגט זיך אז אונזערע שותפים אין די פראכט באן אינדוסטריע און אין די פעדעראלע רעגירונג זאלן ארבעטן צוזאמען מיט אונז צו ערגרייכן די וויכטיגע זיכערהייט ציהלן. פארשטערקערן באן זיכערהייט אין ניו יארק סטעיט וועט העלפן נאך מער באשיצן אונזערע קאמיוניטיס און די ענווייראמענט, רעדוצירנדיג די אפעקט און ערנסטקייט פון באן עקסידענטן, און די זאכן זענען רעזולטאטן וואס מיר אלע ווילן ערגרייכן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול אנערקענט אז די זיכערסטע וועג צו פארמיידן א פובליק געזונטהייט און ענווייראמענטאלע קאטאסטראפע ווי עס איז געשעהן אין איסט פּאלעסטיין איז צו פארמיידן עקסידענטס לכתחילה. די DEC אפלאדירט איר וואכזאמקייט ביים זוכן נאך באן אינדוסטריע פארבעסערונגען אויף די נאציאנאלע שטאפל, און מיר בלייבן פארפליכטעט צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונג צו באשיצן קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "סכנות'דיגע מאטעריאלן אינצידענטן לענגאויס די רעלסן זענען געווארן צו אן אפטע ערשיינונג דא אין ניו יארק און אריבער די גאנצע לאנד. DHSES עקספערטן וועלכע זענען טרענירט אין 'העזמעט' און קאטאסטראפע אפרופונג האבן זיך אפגערופן צו די עקסידענט לעצטע וואך אין מאַנטגאָמרי קאונטי, וואו צום מזל איז קיינער נישט פארוואונדעט געווארן. גאווערנער האקול'ס פארגעשלאגענע שכל'דיגע מאסנאמען וואלטן אן א ספק אוועקגעשטעלט א זיכערערע ענווייראמענט פאר יעדן איינעם גייענדיג פאראויס."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "איך בין גאר דאנקבאר אז עס זענען נישט געווען קיינע פארוואונדעטע דורכאויס די באן עקסידענט אין מאַנטגאָמרי קאונטי, אבער מיר מוזן אונטערנעמען שריט דאס צו פארמיידן פון געשעהן נאכאמאל. איך שטיץ גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו שטופן די פעדעראלע רעגירונג און פראכט אינדוסטריע צו אינטערוועניר און פארזיכערן די זיכערהייט פון ניו יארקער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]()